שעה, און דו האָסט זיי גלייך געשטעלט מיט אונז,
וואָס האָבן דערטראָגן די לאַסט און היץ פֿון דעם
13 טאָג. ער אָבער האָט ענטפֿערנדיק צו איינעם פֿון
זיי געזאָגט: מיין פֿריינט, איך טו דיר נישט קיין
עוולה. האָסטו דען נישט איינגעשטימט מיט מיר
14 פֿאַר איין דינר? נעם דאָס דייניקע, און גיי; איך
וויל אָבער געבן דעם דאָזיקן לעצטן אַזויפֿיל וויפֿל
15 דיר. טאָר איך דען נישט טאָן מיט מיין אייגנס,
וואָס איך וויל? אָדער איז דיין אויג שלעכט, ווייל
16 איך בין גוט? אַט אַזוי וועלן די לעצטע זיין ערשטע,
און די ערשטע—לעצטע.
17 און ווען ישוע האָט געהאַלטן ביים אַרויפֿגיין קיין
ירושלים, האָט ער גענומען די צוועלף אַליין אויף
אַ זייט, און אויפֿן וועג צו זיי געזאָגט: זע,
18 מיר גייען אַרויף קיין ירושלים; און דער בן־אדם
וועט איבערגעגעבן ווערן צו די הויפּט־כהנים און
סופֿרים; און זיי וועלן אים פֿאַרמשפּטן צום טויט,
19 און אים איבערגעבן צו די גוים צו פֿאַרשפּאָטן, און
שמייסן, און קרייציקן, און דעם דריטן טאָג וועט
ער אויפֿשטיין.
20 דעמאָלט איז צוגעקומען צו אים די מוטער פֿון
זבדיס קינדער מיט אירע זין, האָט זיך געבוקט, און
21 עפּעס פֿאַרלאַנגט פֿון אים. און ער האָט צו איר
געזאָגט: וואָס באַגערסטו? זאָגט זי צו אים: זאָג,
אַז די דאָזיקע ביידע זין מיינע זאָלן זיצן איינער
אויף דיין רעכטער זייט, און איינער אויף דיין
22 לינקער זייט אין דיין מלכות. ישוע האָט אָבער
ענטפֿערנדיק געזאָגט: איר ווייסט נישט, וואָס איר
בעט! צי קענט איר דען טרינקען דעם כוס, וואָס איך
23 גיי טרינקען? זאָגן זיי צו אים: מיר קענען! זאָגט ער
צו זיי: מיין כוס וועט איר טאַקע טרינקען; נאָר צו